STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04625

NADIRIZMEN

Moishe Nadir

Permanent preservation of this book was made possible
by Howard & Muriel Katz
in memory of
parents, Lilly & Willy Goldberg and Sophie & Samuel Katz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאַדיריזמען
אָפּקלייב פון
הערץ גראָסבאַרד

משה נאַדיר

23טן מערץ 1885 — 8טן יוני 1943

נאדיריזמען

אַפּאָריזמען
פּאַראַדאָקסן
ווערטערשפּיל
פּאָעטישע פּראָזע

פון

משה נאדיר

אָפּקלייב און צונויפשטעל
פון

הערץ גראָסבארד

NADIRISMEN
APHORISMS
AND
POETIC PROSE
BY
MOSHE NADIR

שער בלאַט : אַרטור קאָלניק

נאַדיריזמען
אַפּאָריזמען און
פּאָעטישע פּראָזע

אָפּקלייב און צונויפשטעל
הערץ גראָסבאַרד

YIDDISH
839.
Nad

©

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

נדפס בישראל תשל״ג
Printed in Israel, 1973

דפוס רויאל בע״מ, רמת־השרון

Liberty Public Library
Liberty, N.Y. 12754

אַז מיין פלייש וועט זיין פאַרצערט, מיין בלוט אויסגעטריקנט, מיינע ביינער אָפּגעשלייפט, — דעמאָלט וועל איך צו פיינער ליטעראַטור ווערן : דופטיק ווי אַ פאַרוויאַנעט גרעזל ; קלאָר ווי דאָס קול פון אַ קלאַרנעט ; ווונדערלעך מיט דעם ווונדער פון אַ שאָטן וואָס רעדט פון דער ערד אַרויס.

דעמאָלט וועלן אפשר אַ טייל מענטשן מיין לעבן דערפילן, — ווי דער טעם פון אַ וואַלד וואָס האָט יונג אָפּגעברענט.

מ ש ה נ אַ ד י ר

ט י נ ט
א ו ן
פ ע ד ע ר

דער שרייבער פאַרמאָגט נישט מער ווי דאָס ו ו אָ ר ט, מיט וועלכן ער גיט פונק־סיגנאַלן פון די פאַרוואָרפענע אינדזלען פון זיין "נשמה". עס איז זיין געצייג און זיין פראָדוקט, זיין פידל און זיין ליד.

פּונקט ווי אַ געיאָגטע חיה שפּרינגט נישט אי־בערן פּלויט צוליבן שפּרינגען, נאָר כדי צו זיין אויף יענער זייט, אַזוי נוץ איך ווערטער, בלויז כדי זיי איבערצוקומען וואָס שנעלער, כדי צו זיין אויף דער *אַנדערער זייט* פון די ווערטער.

*

ביי אַ טייל שרייבערס איז דאָס שרייבן אַ פּראָ־צעס פון באַפרייען־זיך פון זייער *צופּיל*, ביי אַנדערע ווידער איז דאָס אַ פּראָצעס אָנצופּילן דעם אייגענעם *צו־ווייניק*.

*

דער שלעכטער שרייבער שרייבט שטענדיק דאָס וואָס ער *וויל*, דער גוטער שרייבער שרייבט דאָס וואָס ער *קען*. נאָר דער *ערלעכער* שרייבער קען שטענדיק שרייבן דאָס וואָס ער וויל, ווייל דאָס וואָס ער וויל איז שטענדיק אין די גרענעצן פון זיין קענען.

איך טראָג נאָך דערווייל דעם „ליטעראַרישן
ווייַן" אין — די קעשענעס, אָדער אין די זשמע־
ניעס, קיין שפּראַך נישטאָ, קיין געפּעס נישטאָ
פאַר דעם ביסל „וויין", וואָס יערט ערגעץ אין
מיר און וועט באַלד־באַלד אויפרייסן.
איך שרייב ווי אויף פּאַפּיר, וואָס איז פעט
פון אייל — סע כאַפּט נישט. אָדער סע קלעקט.

*

עד, ווען דער געדאַנק זאָל קענען אַליין האַלטן
אַ פעדער אין דער האַנט! עד, ווען דאָס האַרץ
זאָל זיך אַליין קענען איינטונקען אין טינט און
מיר פאַרשפּאָרן די אַרבעט!

*

אַ קאָמיסיע, זאָגט נ., דאַרף באַשטימען, ווער
ס'האָט אַ רעכט צו האָבן טאַלאַנט און ווער
נישט.

איך בין איבערצייגט, אַז פון „רויען" טראַכטן ביז דעם אויסגעראַפינירטן געדאַנק איז אַ גרוי־סער מהלך און אַז אויפן וועג ווערט דאָס ווערט־פולע, דאָס וואָס גראַבלט זיך מיט ציין־און־נעגל צום לעבן — פאַרלוירן אין פּראָצעס פון אָנקלאַ־פּן אין אַלע בלוט־טראָפּנס פון די געדאַנקען און עמאָציעס, ביז עס ווערט ווו־ניט־ווו אין אַ בלאַסער פאָרעם אויפגענומען, פעסטגעהאַלטן, אַרומגעטאַפּט מיט אַלע אינערלעכע חושים. פר־נעם פעסט־געהאַלטענעם געדאַנק ביז צום אויס־דרוק גייט אויך אַ שפּאַר ביסל פאַרלוירן, אַזוי, אַז דאָס וואָס קומט צום אויסדרוק, איז דאָס אומבאַהאָלפנסטע.

אַ ליד איז צו מיר געקומען און מיט פאַרוויינטע אויגן מיך געבעטן: שרייב מיך אָן. איך האָב נישט קיין צייט צו וואַרטן.
האָב איך רחמנות געהאַט אויף דעם לידס פאַר־וויינטע אויגן און עס אָנגעשריבן גלייך אויפן אָרט — נישט געוואַרט אפילו אַ מינוט.
שפּעטער מיט אַ האַלבער שעה איז דאָס זעלביקע ליד צוריקגעקומען צו מיר, נאָך מיט רויטערע אויגן ווי פריער און מיך געבעטן: אַנטשרייב מיך. מיין לעבן איז קיין לעבן נישט. איך וועל שוין בעסער זיין אין גאַנצן נישט אָנגעשריבן איידער אַזוי.
איך האָב געקוקט אויף דעם קאַפּריזנעם ליד און געטראַכט: וואָס האָט צו מיר דער פריקרער נפש? און וואָס איך טו פאַר אים איז אַלץ נישט רעכט. טפו זאָל עס ווערן. און איך בין געוואָרן, הערט איר, אַזוי גוט אויפגערעגט.

*

אַז משה לייב (האַלפּערן) קומט קיין אַמעריקע, שרייבן מיר ביידע האַסטיק, פּיבערדיק. מיר פֿאַרברויכן אַ פּעסל טינט אַ וואָך. אַנדערע שרייבערס זענען אַן אָנהייב פֿון אַ קינסטלערישער משפּחה. מיר זענען — ווייזט אויס — דער סוף. אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן שוין געזאָלט שרייבן, נאָר זיי האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי... דערפֿאַר שטופּן זיי אונדז אונטער, טרייבן אונדז — טויטע פֿעטערס, זיידעס, מומעס, שוועגערינס שרייבן דורך אונדז, פֿירן אונדזערע הענטלפֿענעס אויפֿן פּאַפּיר, שטייען אין אַ שרענגע און וואַרטן מיר זאָלן פֿאַר זיי שרייבן דאָס, וואָס זיי האָבן פֿאַרשפּעטיקט. מיר האָבן נישט קיין צייט די נאָז זיך אָפּצווישן.

די יונגע שרייבערס וואָס הייבן־אָן מיט „אַראָפּ־רייסן” די עלטערע, זענען ווי יענע ציגיינער, וואָס וואַרפן מיט אַ גרינג האַרץ שטיינער אין אייערע פענצטער, ווייל זיי ווייסן, אַז א י ר זייערע שויבן קענט נישט אויסשלאָגן — זיי וווינען דאָך אויף אַ ליידיק פעלד!

*

ד י ליטעראַרישע שול, י ע נ ע שול... יעדער נייער גראַם איז אַ נייע שול, יעדער שוואַכער קריי, איז אַ גוואַלדאָוונער האָן.

*

דער „אוי” זיצט פון פאָרנט, דער „אוי” זיצט פון הינטן — די פלייצע לעבט נאָר צוליב דעם, זי זאָל קענען טראָגן מ׳הויקער...

*

אַ יונגער שרייבער שרייבט מיר:
אַלע זאָגן (מאַכט ער) אַז מע דאַרף שרייבן אַזוי ווי מע רעדט. פונדעסן אָט האָב איך סטענאָגראַפיש איבערגעשריבן אַ שמועס צישן מיינע העלדן און עס איבערגעגעבן אין אַן עסקיז, האָט איר ח׳ נאַדיר געזאָגט, אַז סע טויג נישט. ווו איז דער אמת?
דער אמת, מיין ליבער יונגער שרייבער, איז אַז מע דאַרף טאַקע שרייבן ווי מע רעדט, נאָר מיט אַ קליינעם אָבער. „און צוואַר", ווי לייזערליע זאָגט, מע דאַרף שרייבן אַזוי ווי עס רעדט איינער וואָס קען זייער גוט שרייבן.
צו שרייבן אָבער אַזוי, ווי עס רעדן מענטשן וואָס קענען נישט רעדן... איז זיכער קיין מעלה נישט!

איך האָב מ'יך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט, אַז די מאַ־
דאַם קונסטיכע איז אַ מומע־שײַלאָק — זי פֿאַר־
לאַנגט נישט אַנדערש ווי דאָס גאַנצע פּונטעלע
פֿלייש.
איך האָב אָבער פֿאַרגעסן צו זאָגן, אַז נישט בײַ
יעדן קונסט־מאַכער פּאָדערט זי דאָס פּונט פֿלייש
פֿון דעם זעלבן אָרט.
בײַ אַ טייל מענטשן נעמט זי דאָס פּונטעלע
פֿלייש פֿון סאַמע אַרומ'ן האַרץ, בײַ אַנדערע
אָבער נעמט זי עס אין ז י ץ ־ פֿ ל י י ש.

*

אַ טייל שרײַבער גיבן די מענטשן פֿון דער אַלטער
צײַט אַזוי, אַז מען באַקומט דעם אײַנדרוק, אַז
מיט יאָרן קריק זענען אַלע מאַנצבילן געווען
זיידעס, אַלע פֿרויען — באָבעס!

עס איז דאָ מענטשן וואָס טראָגן־צו אַ גלעזל וואַסער מיט אַזאַ אָנשטרענג, אַז זיי שוויצן אַזש דערביי.
מיט דעם זעלבן שווערן זשעסט (סטיל־גרימאַסן) דערלאַנגען אייך אַ טייל „בכבודיקע שרייבערס" זייער גלעזל וואַסער — מע וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס דערלאַנגען זיי דעם לייענער מי־יודע וואַסערע „פעסער מיט ווייַן" !

*

דער קונסט־שוך הייבט אָן צו קוועטשן. מ׳לאָזט שיר די נשמה. נאָר מ׳שעמט זיך אויסצוזאָגן. מ׳האָט זיך איינגערעדט, אַז אַ „גוטער פוס" מוז פּאַסן צו יעדן שוך...

*

ער באַשרייבט דעם גאַנצן אמת (ווי אַ סך אַנדערע שרייבערס, מיינט ער, אַז אַלדינג וואָס סע פּאַסירט מיט אַ מענטשן איז אמת !).

נישט אויסלאַכן בין איך געקומען, נאָר מעלאַנ־כאָליזירן וועגן גייסטיקע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן נעבעך אַלע יסורים פון אַ געווינערין, אָן דעם נחת פון האָבן אַ קינד.

*

איז דען קריטיק בכלל מיין פּראָפעסיע? (ביי אַנדערע איז ליב־האָבן און פיינט־האָבן אַ פּאַך, ביי מיר איז דאָס בלויז אַ טבע!)

*

אַז איך זע ווי x באַמיט זיך צו פאַרריכטן די לידער פון דיכטער, קומט מיר פאָר ווי אַ לאַ־טוטניק לייגט אַ לאַטקעלע אויף... אַן אָטעם!

*

דאָס געוויסן פון קריטיקער „איקס"... ב י י ס ט ניט, עס האַוועקט בלויז!...

דער קריטיקער גייט פאַרביי מיט זיין איידל פנימל און גיט אַ זאָג: „נעמט אַזאַ גאָלדענע שורה ווי ,בקצים דארך לדומה רנזים'. דאַרף ער שוין נישט מער. דער פאַקט וואָס ער גיט זיך אַ זאָג־אָפּ אַזוי גרינג, נעמט אַזאַ גאָלדענע שורה ווי ,בקצים דארך לדומה רנזים' פלעפט אונדז אַזוי, אַז מיר קענען שוין גאָרנישט טראַכטן, אַז די שורה איז חלילה נ י ש ט קיין גאָלדענע.

*

דאָן איז אַ ליטעראַטור־קריטיקער.
ער שרייבט אין אַ יידיש בלאַט וועגן גויים.
האַלטן אים די גויים פאַר אַ גרויסן מענטשן.
האַלטן אים די יידן פאַר אַ גרויסן מענטשן,
ווייל די גויים האַלטן אים פאַר אַ גרויסן מענטשן.

*

קריטיקירן סטראַדעוואַרן
דאַרף מען — אויף אַ סטראַדעוואַר.

דער אומאַנגענעמסטער שונא (אויפן פעלד פון ליט־פּאָלעמיק) איז יענער, וועמען דו קאַנסט באַקעמפן מיט אַ שנעל אין נאָז, נאָר עס רינט אים פון נאָז...

*

ווי אַ בעל־הביתל מיט אַן ערשט קינד, אַזוי שטופּט יעדער זיין עניוות פאַרויס אין אַ קינ־דער־וועגעלע.

*

ער זאָגט מיר: איך בין אַרויס אין גאַס זוכן נייע פאַרמען. האָט אָנגעהויבן צו רעגענען, קיין רעגנ־שירם האָב איך נישט געהאַט. האָב איך מיך מישב געווען: וואָס דאַרף איך מיך פאַרקילן צוליב אַ נייער פאַרעם? מיין געזונט, מיינע קינ־דער זיינען מיר טייערער ווי הונדערט נייע פאַרמען.
בין איך, זאָגט ער, אַהיימגעגאַנגען און געשריבן צוריק אין דער אַלטער פאַרעם.

גייען מיר אונטער? צי גייען מיר נישט אונטער? אויב מיר גייען אונטער (ליטעראַריש־דראַמאַ־טיש), טאָ זאָלן מיר אונטערגיין, צום גוטן יאָר, וואָס שנעלער כדי מיר זאָלן זיך קאָנען רויק אַוועקזעצן שרייבן אונדזער ניי מייסטער־ווערק אויף... יידיש! אלא — ווידער גייען מיר נישט אונטער, דאַרפן מיר זיך אוודאי אָפּשטעלן אַ ניי פעסל טינט אויף ווינטער. וואָס פאַר אַ בטלנות, ברידערלעך! מיר באָדן זיך די פיס אין אַ שטיל טייכל און מיר גוואַלדעווען, אַז מיר טרינקען זיך! נאָכמער: מיר מאַכן דעם אָנשטעל, אַז דאָס, וואָס מיר האַלטן די פיס אין לעבלעך טייך־וואַסער, איז נישט דערפאַר וואָס מיר האָבן דערפון הנאה (ווי קומט עס צו אונדז?) נאָר דערפאַר, ווייל מיר ווילן זיך ביס־לעכווייז צוגעוווינען צו... דערטרינקען־זיך.

עס זענען פאַראַנען מענטשן וואָס דענקען אין געדאַנקען און עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס דענקען אין ווערטער. די וואָס דענקען אין געדאַנקען לייגן־אויף אומזיסטן וועג. ווייל נאָכ־דעם ווי דער געדאַנק איז שוין אויסגעדענקט האָבן זיי ערשט נישט קיין ווערטער פאַר דעם געדאַנק אין וועלכע אים אָנצוטאָן. און ביז וואַנעט זיי האָבן אויסגעדענקט די פאַסיקע וואָרט־קליידער האָט זיך דער אויסגעדענקטער נאַקעטער געדאַנק דערווייל פאַרקילט, האָט אָנגעהויבן הוסטן און איז געגאַנגען פון דער וועלט יונגערהייט. גוט איז די וואָס דענקען אין ווערטער. ווערטער זענען פלינקע גרינגפיסיקע לייט. קוים איז דאָס וואָרט אויסגעדענקט וועט עס שוין זיין געדאַנק געפינען אַליין פון זיך.

איך האָב בפירוש באַוויזן, אַז דער אמת איז שטאַרקער פון פיקציע. נאָר וואָדען: מ'דאַרף אים קאָנען אויסטראַכטן — דעם אמת, ווייל דאָס לעבן אַליין פוילט זיך אַ ביסל.

*

...איר זאָגט, אַז דאָס וואָס איר באַשרייבט אין אייער עסקיז, האָט מיט אייך אַליין פּאַסירט? אויב אַזוי, מײַן ליבער פריינד, האָט מיט אייך פּאַסירט אַ ליגן!

*

די נעמען פון מיינע העלדן — דאָרטן ווו עס זענען דאָ ביי מיר אַזעלכע — זענען כמעט שטענדיק אויסגעטראַכטע. עפּעס אַ געפיל האַלט מיך קריק פון „אָפּנאַרן" דעם לייענער און זאָגן אים: דער מענטש הייסט אַזוי און אַזוי. סיידן ווען איך שרייב ביאָגראַפיע; דעמאָלט גיב איך אָפּט דעם עסענציוועסטן „אמת", אינאיינעם מיט מיין... ווונטש־אמת.

איך בין מיר אַ נעסט פֿאַר... טראַכטונגען, גוט.
קומען אָנצופֿליען די בידנע געדאַנקען, ווי פֿייגל
פֿון רעגן צענעצט, פֿון וועטער צעגעסן און זאָגן:
„גוטער פֿריינד, לאָז אַריין, אַנישט קומט אונדז
אויס, חלילה, נעכטיקן אין דרויסן". איך לאָז
אַריין די טראַכטונגען, גיב זיי מיין גאַנץ איך־
געצעלט. וואָיעווען זיי דאָרטן, זינגען, ליבלען זיך
און... אָן מיר פֿאַרגעסן זיי. אָבער קיין שלעכט
האַרץ האָב איך אויף זיי נישט. ווי די נעסט
קאָן נישט האָבן קיין בייז האַרץ אויף די שוואַל־
בן, וואָס האָבן זי געבויט, ווי אויף די ליידי־
קייטן, וואָס פּייפֿן דאָרטן, ווען די שוואַלבן פֿלי־
ען אַוועק.
כ'בין ביי אייך אין די הענט, שקלאַפֿן מיינע!
איך מוז דערקיניגן מיין טערמין און פֿאַרטיק
ווערן און אַהיימפֿאָרן אויף... שבת.
פֿאַרשטייט איר מיך, טראַכטונגען מיינע?

✶

...אַמאָליקע יאָרן פלעגט מען שמייכלען צו... דער מאַדאַם אומשטערבלעכקייט. היינט מאַכט מען אויף איר אַ „האָלד־אָפּ”.

✶

איך קום אַרויס מיט אַ לייט־אַרטיקל, וואָס הייסט: „וואָס זאָלן מיר וועלן”. דאָרט דערצייל איך אַז אַ בלאַט האָבן מיר אַ גוטס, נאָר וואָדען? מיר ווייסן נישט וואָס מיר זאָלן וועלן. זאָלן מיר זיין ציוניסטיש, וועלן מיר פאַרלירן סאָציאַליסטישע לייענערס... אלא ווידער זאָלן מיר זיין עפּעס אַנדערש, ווייסן מיר אויך נישט צי סע לוינט זיך... קומט אויס, סיידן זיין גאָרנישט. און דאָס קאָנען מיר אויך נישט, ווייל די קאָנקורענץ... איז צו גרויס...

דער דיכטער וועדעקינד האָט אַ מאָל געשריבן צו זיין מאַמען: מאַמעשי, (האָט ער געשריבן) דו ווילסט איך זאָל פאַרפאַסן פאַלשע ביכער און אויסבייטן זיי אויף געלט, און דערנאָך דאָס געלט אויסבייטן אויף פאַרגעניגנס? אָבער וואָצו (מאַכט ער אויף דייטש) וואָצו דער אומוועג? צו וואָס אויסבייטן פאַלשקייט אויף גאָלד און גאָלד אויף — פאַרגעניגן, אַז איך האָב באַלד מיין פאַרגעניגן ווען איך שרייב דאָס וואָס איך וויל?

*

איך שרייב מיין ליד
ווי איינער שרייבט
אין איילעניש — רעצעפטן.
איך האָב מיט רום
מיט אייביקייט
קנאַפּלעכע געשעפטן.

איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז דאָס גאַנצע שלעכטס זאָל אויסגעראָטן ווערן פון דער וועלט און אַז מיין גראַציעזע שנאה צו אַל־דאָס־שלעכטס זאָל פאַרלירן איר ליטעראַרישן ווערט.

*

דער טויט ווערט געגעבן פאַר אַ פרעמיע צו יעדן קינסטלער. ביים לעבן זעט מען דיך נישט, אָדער מען וואַרפט אויף דיר בלאָטע. גיסט נאָר אַ שטאַרב — אָהאָ! מען צעזינגט זיך ווי שפּיל־פייגל, מ'ען מאַכט דיר געוואַלדיקע הספדים, אַ גרויסע לוויה, סעטוצאַך אַביסל. אַ יידישער שריפטלער דאַרף זיין פון אייזן, בייצושטיין דעם נסיון פון איינאָטעמען גאַז אָדער אַראָפּוואַרפן זיך פון צענטן שטאָק פון אַ רעדאַקציע.

עס האָט געגרינט אַ וואַלד. אַ שיין שמעקעדיק וואַלד אין וועלכן פייגל האָבן געפלאַטערט, וואַ־סער־פידלען האָבן געשפּילט. אַ שיין גרויס גע־דיכט־באַפּינצטערט וואַלד אין וועלכן עס האָבן מיסטעריען אַרומגעבלאָנדזשעט מיט באָרוועסע פיס. אַ גרויס־גרויס וואַלד. אַ שיין־שיין וואַלד. אַ וואַלד מיט משוגע־געוואָרענע פאַרבן מיט פון בענקען־געשטאָרבענע דופטן. מיט אונטער־דער־ערד־באַהאַלטענע פרילינגס. האָט מען די ביימער אויסגעהאַקט. פון זיי פּ אַ פּ י ר געמאַכט און פון דעם גאַנצן גרויסן שיינעם ווילדן וואַלד איז געוואָרן אַ בלאַט שרייב־פּאַפּיר, אויף וועלכן אַ לעבלעכער דיכטער באַזינגט די שיינקייט פונעם וואַלד מיט גראַמען צו באַלד שאַלט און קוואַלט. אָט דאָס איז ציוויליזאַציע מיינע גנעדיקע. דער וואַלד אַליין איז גאָרנישט. אָבער אַז מען האַקט אים אויס און מען שרייבט אויף אים אַ ליד וועגן וואַלד איז דאָס פּאָעזיע. נאַטירלעך.

אַז כ׳האָב מיך באַקלאָגט פאַר קאָטלערן, אַז עפּעס גייט מיר נישט לעצטנס אין דער אַרבעט, האָט ער באַמערקט: — מ׳דאַרף זיך ניט ערגערן; אַז אַ זאַך שפּאַרט זיך איין אַז זי וויל געשריבן ווערן, וועט זי שוין אימיצער שרייבן. אַז ניט איר איז אַן אַנדערער. מ׳דאַרף זיך ניט נעמען צום האַרץ.

*

אָפּצושאַצן אמתע גרויסקייט אין דער קונסט איז שווער אפילו פאַר קענערס. אמתע קונסט איז אַ סוד. און קיין מאַסן־סוד איז נישטאָ.

*

דער טייטש פון אַ ליד איז זיין ניגון
די ווערטער בלויז אַן אונטערשריפט דערפון.

בּיכער. מענטשן, אויסגעטאָן פון פלייש־און־הויט. עסענץ פון מענטשלעכקייט, דאָס ליד פון אַלע לידער — דאָס ליד פון די אויפגעהערטע מענטשן, פון טויטע פידלען.
ווי אַ פייער אין דער נאַכט־טונקלניש. אויף אַ פעלד. דו קוקסט אין פייער, זעסט גאָרנישט. זעסט בלויז אַ פייער־קלאַמפן, אן אויפליכטי־קונג, וואָס מאַכט די ווייטערדיקע פינצטערניש — פינצטערער.

*

היינריך היינע האָט זיך געשמדט און... געוואָרן אַ ייד.
ס'ביסל „טויף־וואַסער״, וואָס מ'האָט אויף אים געשפּריצט, האָט שפּעטער מיט אַ סך פּראָצענטן אַרויסגעוויינט פון אים אין „יידישע טרערן״.

*

ווען איך וואָלט מיך נישט געשעמט מיין האַרץ נאַקעט אויסצוטאָן, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס וואָס מיר ביידע האָבן זיך פאַרגונען אַזוי שטאַרק צו לאַכן פון אונדזערע „אומשטערבלעכ־קייטן", האָט געהאַט זיין גרונד אין דעם געפיל, אַז אַזוי לאַנג ווי איינער פון אונדז לעבט, איז דער אַנדערער אומשטערבלעך. עס וועט בלויז גרינגער ווערן דערמיט, וואָס דו וועסט אַליין ניט דאַרפן זיך פייניקן מיט לעבן און דער אַנ־דערער וועט עס שוין ווי־עס־איז טאָן פאַר דיר. מיט דיין אָפּגיין פון דער וועלט איז מיין „אומ־שטערבלעכקייט" געשטאָרבן, יאָסל קאָטלער, ניט דיינע.

שלום־עליכם, — אַ ליכטיקער, לירישער. מיט אַ שמייכל, וואָס מאַכט אַ לאָך אין האַרץ; אַ לאַכעדיק אויג, וואָס איז אַליין אַ גרויסע טרער... דער הומאָר פון אַ העכערן שטאַפּל, די געפּרווירענע טראַגעדיע פּליסיק געמאַכט אין די פּייערן פון ליבשאַפט...

✶

אברהם רייזען מעלדט זיך, — אַ קליין קעסטל פאַרב, אַ צוויי דריי פּענדזלען, ער מאָלט אויף די אייגענע מאַנדזשעטן, אויפן קראַגן, באַשיט עס מיט שטויב, מיט זאַלץ, טריקנט עס אָפּ און — די בילדלעך פליען אַוועק אין דער אייביקייט.

*

ליעסינס דיכטונג איז ווי אַן אַלטמאָדישע זיל־בער עטרה אויף אַן ערלעכן אַלטן טלית. עס איז דער שיין פון פרומקייט, וואָס מאַכט דאָס שיינע גוט און דאָס גוטע שענער. ליעסין איז ניט קיין פאָרעם־זוכער. דער אמת איז זיין פאָרעם.

*

וועגן ל. שאַפּיראָ: „ביז שאַפּיראָן איז די יידישע שנאה צו גויים געווען ווי וואַקס אַנטקעגן פייער, איצט איז דאָס געוואָרן מעטאַל. האָט אָפּגע־קלונגען, די פיילן צוריקגעוואָרפן. אַ שטאָלענער פאַנצער איז געוואָרן די שנאה אויף אונדזער האַרץ.

זיי קומען צו אונדז ווען מיר שטאַרבן. זיי קומען צו אונדז ווען מיר פאָרן אַוועק. זיי קומען צו אונדז ווען מיר ווערן געיובלט און געפּייערט. זיי קומען צו אונדז ווען מיר זענען אין מאָדע. זיי קומען צו אונדז ווען אַ ל ע קומען צו אונדז. זיי קומען לייגן קרענץ אויף אונדזערע קברים. זיי קומען זיך א ו י פ ה ו י ב ן צ ו ע ה ר ע פ ו ן א ו נ ד ז ע ר ג ע ש ט אָ ר ב נ ק י י ט. זיי קומען צו אונדז באַלויכטן ווערן פון אונדזער ליכט. באַטראַגישט ווערן פון אונדזער טראַגעדיע באַשמייכלט ווערן פון אונדזער שמייכל. זיי קומען נישט צו אונדז ווען מיר זענען איינזאַם. ווען מיר פאָרן נישט אַוועק. ווען מיר שרייבן אָן אַ שוואַכע זאַך און מיר דאַרפן אַ טרייסט. ווען מיר שטאַרבן ביסלעכווייז און מיט אַ געוויסן סיסטעם. ווען מיר דאַרפן געלט און לוקסוס. ווען מיר נויטיקן זיך אין בלאָנדער אָדער אַלגעמיינער ליבע. ווען מיר דאַרפן עמעצער זאָל אונדז אַרויפשלעפן אַ זעקל קוילן פונעם קעלער אָדער טאָן אַן אַנדער נוצלעכע אַרבעט. ווען מיר זענען נישט זייער טויט און נישט זייער לעבעדיק נישט זייער אָרמעטיק און נישט זייער פריילעך. ווען מיר זענען אַ מענטש מיט אַלעמען גלייך און ווען עס איז אויף אונדז אַזאַ רחמנות.

אַז מ׳זעט ווי פיל יידישע מענטשן עס האַלטן זיך ביי דער „קונסט" און ביי דער „קריטיק", זעט מען ערשט וואָס פאַר אַ פאָלק פון עקשנים מיר זענען!

*

ס׳איז דיר נישט געראָטן, יצחק רייז, מיין טייערער! דיין שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט — ווען די וואַנט איז אויך באַשטאַנען פון לעבעדיקע מענטשן — האָט דיך צו גאָרנישט געבראַכט, צו גאָרנישט געבראַכט.

*

נאָך מיין מיינונג דאַרף לשון קודש זיין אונדזער שפּראַך. נאָר מען דאַרף לשון קודש רעדן אויף יידיש...

איך געדענק ניט וועלכער ענגלישער קלאַסיקער האָט געזאָגט וועגן דעם ווערק פון זיינעם אַ קאָלעגע: „דאָס וואָס איך פאַרשטיי איז אויס־געצייכנט. דערפון דרינג איך, אַז דאָס וואָס איך פאַרשטיי ניט, איז אויך אויסגעצייכנט". וועגן געוויסע שרייבערס, וואָס שלייערן זיך אין נעפּ־לען, קאָן מען זאָגן: „דאָס ביסל וואָס איך פאַרשטיי ביי זיי איז ניט גוט. דערפון איז גע־דרונגען, אַז דאָס וואָס איך פאַרשטיי ניט איז אויך ניט בעסער".

ניט ווי גריכיש און לאַטיין גייט אויס אונדזער שפּראַך, נאָר אַ סך, אַ סך טראַגישער. דער באַלזאַם איז: אויב שווערער ווי גריכיש און לאַטיין וועלן מיר אונטערגיין, וועלן מיר אָבער נאָכן טויט לעבן לענגער ווי יענעביידע קלאַסי־שע שפּראַכן. אַז מ'וועט אַ מאָל אויסגראָבן אונדזער שפּראַך, וועסטו, דו, איציק מאַנגער, געטראָגן ווערן אויף די הענט — העכער פון האָמערן, גלייב עס מיר!

(פון נאַדיר'ס אַ בריוו צו איציק מאַנגער)

פ ו ן
מ ע נ ט ש
צ ו
מ ע נ ט ש

אויב מען וויל, אַז דער פסוק ״האָב ליב דיין חבר ווי זיך אַליין״ זאָל מקוים ווערן, מוז מען זיך אַליין אויפהערן צו שטאַרק ליב צו האָבן.

אַמאָליקע צייטן האָבן אידעאַליסטן געקעמפט דערפאַר, אַז אַלע מענטשן זאָלן האָבן אַ רעכט צו זיין בירגער, היינט קעמפן זיי דערפאַר, אַז אַלע בירגער זאָלן האָבן אַ רעכט צו זיין מענטשן.

*

מענטש? אָדער מענטשהייט?
דער אַרכיטעקט האָט נישט קיין שום פּלאַן פאַר דעם ציגל. ער האָט נאָר אַ פּלאַן פאַר דעם גאַנצן בנין — דורך די איינציקע ציגל.
די „גוטקייט" פון אַ ציגל באַשטייט אין זיין פּירעקעכדיק אין זיין פעאיקייט זיך אַוועקצו־לייגן אַקוראַט דאָרט, ווו מ'דאַרף, און זיך (גע־זעלשאַפטלעך) אַריינפּאַסן.

*

מ'ען קרוינט דעם מענטש און — מ'פאַרשעמט דאָס מענטשלעכע.

אַן אַלטער פֿויגל מיט אַ הויך בריסטל גייט
אַרום איבער דער גאַס זייער ווילעריש און שאָ־
קלט מיט דעם אויבערקערפּערל ווי אַ יונג
קאַטשקעלע און דאָס פֿאַרביקע יאַרמלקעלע צי־
טערט אויף זיין אויפֿגעהויבענעם שטאָלצן קאָפּ.
ער עסט און זינגט, זינגט און עסט. אַזוי לאַנג
ביז וואַנעט זיין אומגליקלעכער ברודער קומט
צו גיין און בעט אַז ער זאָל אים אויך עפּעס
געבן. דעמאָלט הערט ער אינגאַנצן אויף צו זיין
אַ זינגער און הייבט אָן צו זיין בלויז אַן עסער.

די ציוויליזאַציע אונדזערע האָט אַ יעדן איינעם ציוויליזירט נאָר נישט זיך אַליין. די ציוויליזאַציע האָט אַלעמען געלערנט עסן מיטן מעסער־גאָפּל אָבער אַליין איז זי געבליבן אַן אומציוויליזירטע מענטשנפרעסערקע. זי האָט אַלעמען געלערנט מענטשנליבע און אַליין האָט זי ליב דעם מענטש געבראָטענערהייט. זי האָט אָפּגעשאַפט געצנדינערײַ און אַליין דינט זי צו דער נאַריש־נאַרישסטער געטין וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט. צו דער וועלטגעשיכטע. זי האָט געשאַפן גרויסע קינסטלער און אַליין איז זי געבליבן אַ פּושערין אַ דילעטאַנטין. זי האָט פאַרשפּרייט אַלערלײַ נײַע גלויבנס און אַליין גלייבט זי נישט אַפילו אירע אייגענע רייד. איינעם ליכט פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע זעען מיר ערשט ווי אומציוויליזירט אונדזער ציוויליזאַציע איז. ווי האָטענטאָטיש.

דער יאָדער פון אַבסטראַקטן אמת איז איינגע־
וויקלט אין אַ שאָלעכץ, וואָס הייסט מ ע נ ט ש.
טוסטו אויס דעם אמת פון דער שאָלעכץ —
ברענגסטו אום ביידע זאַכן: דעם אמת און דעם
מענטש.

✶

אין דער „הייליקער מלחמה״ וואָס איך האָב
געפירט פאַר אַ „בעסערער מענטשהייט״, האָב
איך אָפט ביטער געזינדיקט קעגן דעם איינציקן
מענטשן.

✶

עס איז אַ נאַרישקייט זיך צערעמאָניעל אָנצו־
שליסן אין דער פרייוויליקער לעש־בריגאַדע,
אַקוראַט דעמאָלט, ווען דיין אייגן הויז שטייט
ביז צום דאַך אין פייער.

יעדע רעגירונג האָט אַזוי פיל פרייהייט, וויפל זי קען צונעמען ביי אירע בירגער. און יעדעס פאָלק האָט אַזוי פיל פרייהייט, וויפל עס קען צוריק־נעמען פון זיין רעגירונג.

*

אונדזער ווילן איז ניט אונדזערער. מיר מוזן אָדער עמעצן נאָכגיין, אָדער פון עמעצן געטריבן ווערן.

*

די צרה מיט... איז וואָס זיי קאָנען זיך בלויז קושן ווי פריינד, אָבער זיך קריגן ווי פריינד, קאָנען זיי נישט.

*

דאָס קעניגל לייגט זיך שלאָפן מיט דער קרוין אויפן קאָפּ און ער ווייס נישט, אַז מען קען צוגנבענען די קרוין מיטן קאָפּ אינאיינעם!

ביי די רייכע איז גאָט אַ לוקסוס אַזוי ווי שאַמ־פּאַניער, אָבער ביי די אָרעמע איז גאָט אַ נויט־ווענדיקייט, ווי ברויט...

*

קיין העכערס פון מענטש איז ניטאָ. גאָט איז בלויז אויף אַזוי פיל העכער, אויף וויפיל דער מענטש טראָגט אים אויף זיין אַקסל.

*

אין זיך האָב איך שוין דעמאָלט געוווסט פון דעם אמת, אַז אַלע „משיח־פּאַלאַצן" ווערן גע־וויינטלעך פּאַרטראַכט אַזוי גראַנדיעז, און עס געדויערט אַזוי פיל יאָרן איידער מ׳בויט זיי אויף, אַז איידער מען ציט אַרויף דעם דאַך פוילט שוין דער פונ־דאַמענט...

עס איז אפשר אַ נאַטור־געזעץ, אַז איינער, וואָס שטעלט זיך קעגן טויזנט, זאָל פון אַלע טויזנט צוריקגעשלאָגן ווערן. כאָטש מצד דעם איינעם איז דאָס ניט קיין „חכמה" און מצד די טויזנט איז דאָס ניט קיין „העלדישקייט".

✶

גוים טויגן נישט צו זיין קיין אַנטיסעמיטן. זיי קענען אונדז נישט גענוג. זיי האָבן אונדז ס'רוב פיינט פאַר אונדזערע מעלות, דאָס איז פע, מיאוס.

✶

אַ ליכט־שטראַל קען מען נישט איבערשניידן מיט קיין שווערד, ווי שאַרף און ווי לאַנג און ווי מאַכטיק די שווערד זאָל נישט זיין!

אַמאָל מיט יאָרן צוריק האָבן מענטשן געזוכט געטער, היינט באַגנוגנט מען זיך מיט ווייניקער, היינט זוכן מענטשן — מענטשן.

*

גרויס איז קיינער נישט, מיין קינד, אַחוץ דער וואָס שטעלט זיך אַרויף אויף פרעמדע מענטשנס אַקסלען. שטיי נישט אויף פרעמדע אַקסלען און לאָז נישט קיין פרעמדע פיס שטיין אויף דיינע!

*

יעדער שטיקל ברויט ווערט — חלום...
יעדער פּיצל חלום ווערט איינגעשפּאַנט אין אַקסנשפּאַן פון ברויט.

אין דער „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" פון דער וועלט וועלן יידן „פון זיך אַליין אויפהערן" צו עקזיסטירן ווי יידן. אין דער פּאַשיזאַציע וועט מען אונדז אויסראָטן. צווישן טייוול און רויטן ים איז אונדזער לאַגע. וואָרים וואָס איר זאָלט ניט טראַכטן וועגן דער איצטיקער וועלט־טענדענץ: עס עקזיסטירן בלויז צוויי אַקטי־וויזירטע און ווירקנדיקע עלעמענטן. אויף רעכטס און אויף לינקס. „דער ליבעראַל", דער „מיטלמעסיקער" איז ניט אַקטיוויזירט, האָט ניט קיין אייגענעם אָנהאַלט־פּונקט, וויל אַז עס זאָל דערווייל בלייבן ווי עס איז. און וואָס קאָן נאָך זיין אומראָמאַנטישער, אומרעוואָלוציאָנע־רער ווי דאָס? וועלכן יונגן קעמפנדיקן עלעמענט קען עס צוציען... צו וועמען קען עס אַפּעלירן?

*

דער קלאַסנקאַמף צווישן אָרעמע און רייכע איז נישט אַזוי פאַרצווייפלט־ביטער, ווי דער קאַמף צווישן דער נייער פּריווילעגירטער קאַסטע פון מאַכטהאָבערס און רעכטלאָזע — פון די „פּאַט־ריציער", וואָס זייער פאַרמעגן איז מאַכט און די פּלעבעער, וואָס זייער אָרעמקייט באַשטייט אין רעכטלאָזיקייט.

אין
ווילדן
ווערטערוואלד

זייער גוט זיינען די איינפאַלן צו מיר. ווי
שוואַלבן צעטומלטע קומען זיי צו מיין פענצ־
טער, צעבלוטיקן זיך די פליגלען.
וואָס פאַר אַ שאָד דאָס וועט זיין אַז איך וועל
(אַמאָל) נישט זיין אין דער היים צו געבן אָט
דער געדאַנקען־ציגיינערשאַפט אַ שטיקל היים.

דער אייגענער שכל אַליין איז ווינציק. יעדער מענטש וואָלט באַדאַרפט האָבן צוויי שכלס. אַ שכל וואָס זאָל אַרבעטן, און אַ שכל וואָס זאָל אַכטונג געבן, אַז דער שכל זאָל אַרבעטן אַהין ווו מ׳באַדאַרף.

✶

רעליגיע איז אַ גרויסע זאַך, — טאָמער איז נישטאָ קיין פּרנסה קען מען כאָטש הנאה האָבן פון זינדיקן. אָבער אַז מ׳גלויבט נישט אין גאָט און ס׳איז נישטאָ קיין געלט, איז טאַקע שלעכט, וואָס מיינט איר...

✶

איך לאָז אים נישט ריידן. ווייסיכוואָס ! וואָס קאָן ער מ׳יר זאָגן ? בפרט אַז איך בין אויפגע־רעגט...

אַ געפלאָכטן טירל פון אַ פּלויט איז צוגעבונדן מיט אַ קאָרע־שטריקל. סע וויל אומפאַלן, סע שטאַרבט, נאָר דאָס קאָרע־שטריקל דערלאָזט נישט. דאָס טירל איז אין כעס. ציט זיך אויס, ווי ווייט סע קען, בייגט זיך נידעריקער, נידעריקער — עס רוט נישט. היינט־מאָרגן, וועט עס אויספירן זיינס, און געבן אַ פאַל ,און זיך אָפּרוען. — — —

*

פאַר דעם נודנעם מענטשן איז אַלצדינג נודנע — אפילו שעקספּיר ; פאַר דעם אינטערעסאַנטן מענטשן איז אַלצדינג אינטערעסאַנט — אפילו דער נודניק.

*

נישט אַלצדינג איז גאָלד וואָס גלאַנצט — נישט.

מיין קראַפט איז אַ סך שטאַרקער פון מיר. זי באַזיגט מיך.
איך בין אַ שוואַכלינג אין די הענט פון מיין ווילדן כוח. איך האָב נישט קיין כוח אויסצו־האַלטן אַזויפיל ווילדע, נישט געצוימטע קראַפט.
מיין כוח איז שטאַרקער פון מיר. ער דערשלאָגט מיך. דערפאַר ווייל איך שטיי אים אין וועג.
אָ, ווען איך זאָל זיין אַזוי שטאַרק ווי מיין כוח. וואָס פאַר אַ גיגאַנט איך וואָלט געווען.

✶

אָט למשל, אַז איר ווערט מיד און איר ווילט זיך אַ ביסל אָפּרוען, „סטאָפּט" איר אַ טאָג פון דער אַרבעט און איר רוט זיך אָפּ. אָבער אַז איך אַר־בעט קיינמאָל נישט, ווי אַזוי קאָן איך מיך אָפּ־רוען, — אַז איך ווער מיד ?

ער איז זייער אַ קאָמישער! אַ יונגער בחור וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער עלטער...

*

דאָס שטומפּיקע פוטער־מעסער גלייבט באמונה שלימה, אַז צו שניידן פלייש איז ב אַ ר ב אַ ר י ש.

*

איך קען אַ בחורל, וואָס האָט זיך באַרימט גע־מאַכט דערמיט, וואָס ער האָט ביי יעדער גע־לעגנהייט געשריגן, אַז... ס'איז נישטאָ ביי אונדז יידן, ווער ס'זאָל אים אַנטדעקן! ער איז (האָט ער געזאָגט) אַן אַמעריקע, וואָס דאַרף אַליין פאָרן זוכן זיין קאָלומבוס.

בית עולם... אַ פעלד ווּ מע האָט פאַרזייט אומ־
רויקע מענטשן און ס׳איז אויפגעגאַנגען שטילע,
ליכטיקע שטיינער.

*

נאָמבערג פאַטשעט זיך מיט דער לינקער זייט פון
זיין האַנט אויפן מויל, שטופּט קריק אַ געגעץ
וואָס האַלט שוין די פּיס אין דרויסן.

איך בין געווען אויף מיין וואַקאַץ (וואַקאַציע) און בין מיר געזעסן אונטער אַן אַקאַץ (אַקאַציע) האָט מיר איינער פון מיין נאַץ (נאַציע) דער־לאַנגט אַ טאָגבלאַט, אין וועלכן עס איז געווען בפירוש געשריבן: „לויט אַ געוויסער פּראָ־פּאָרץ"...

אין אָנהייב האָב איך נישט פאַרשטאַנען אַקו־ראַט וואָס דאָס וואָרט פּראָפּאָרץ באַטייט. נאָר איך האָב מיך געכאַפּט, אַזוי ווי עס איז היינט אַ מאָדע ביי יידן מל צו זיין ווערטער אויף די עלטערע יאָרן, האָט מען מסתמא דאָ אויך גע־מאַכט אַן אָפּעראַץ און אָפּגעשניטן דעם „יע" פון פּראָפּאָרציע (וואָס איז בכלל אַ גראָב וואָרט) איז געוואָרן... נו, איר ווייסט דאָך שוין... איצט איז אַ קשיא צי וועט דער מערצאָל פון פּראָפּאָרץ זיין פּראָפּערץ, צי פּראָפּערצן? אבקש תשובה!

ר׳ שאמטשע האָט געטראָגן בריִלן מיט מעשענע שפּיזלעך. זענען דיברילן זיינע אַלע ווילע פאַרצויגן געוואָרן און עפּעס ווי געוויינט — געוויינט, וואָס אויף די עלטערע יאָרן דאַרפן זיי זיצן אויף אַזאַ קרומער, נישט־זיכערער נאָז — ווו מען קען יעדע מינוט אַראָפּפאַלן און ברעכן האַלדז־און־נאַקן... און ס'לינקע, אַ ביסל־אויפגעהויבענע גלעזל, האָט כסדר געקוקט צו די שפּיזלעך, צי זיי האַלטן זיך, און עפּעס נישט געגלייבט, אַז מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן.

נעכטן האָב איך אין אַ פענצטער פון אַ גע־
שעפט געזען אַ טויט־גרינעם קאַשקעט מיט צוויי
באַזונדערע שטרייפלעך פון פאָרנט און אַ רויט־
פריילעך לעדער פּאַסיקל אַרום דעם גאַנצן ראַנד.
עס איז געווען אויסערגעוויינטלעך. „ווער וועט
קויפן אָט אַזאַ קאַשקעט״, האָב איך געטראַכט,
, סיידן אַ משוגענער״. בין נאָך אַ ביסל געשטאַ־
נען ביים פענצטער און באַטראַכט די גרינע קאָפּ־
כלי און אַ גרויס רחמנות האָט אַרומגענומען
מיין האַרץ. איך האָב פאַרשטאַנען אַז אויב
א י ך וועל דאָס נישט קויפן, וועט עס חלילה
אַזוי בלייבן שטיין דאָ אויף אייביק.
איך בין אַריין און געקויפט דעם קאַשקעט.

מיין שווער קוקט אויף מיר ווי מ'קוקט אויף אַ זייגערל אָן ווייזערס. עפּעס הערט ער, אַז איך „גיי", נאָר וויפיל איך האַלט און צו וואָס מ'דאַרף מיך ווייס ער נישט.

*

מיר זענען אַזוי אָרעם, אַז מיר שעמען זיך אַרויס־צונעמען פון קעשענע ווייניקער ווי אַ... רענדל.

...אַ טייל חברים באַקלאָגן זיך:

— נישטאָ די אַמאָליקע ווינטערס!

— אַמאָל, פאַרשטייסטו מיך, איז נישט געווען אַזוי.

— ווי אַזוי־זשע איז געווען?

— עס איז געווען אַנדערש.

— ערגער, צי בעסער?

— ערגער. נאָר דאָס ערגער איז געווען בעסער. דאָס הייסט, דאָס בעסערע איז אויך נישט שלעכט, מ׳קאָן נישט זאָגן, נאָר צום ערגערן קומט עס נישט...

זאָל מען לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן, ווי וויל
מ׳ווייסט נישט אַקוראַט וואָס גאָט האָט אַזוינס
געבאָטן, אָדער זאָל מען לעבן לויטן פרייען ווילן
— הגם מ׳ווייסט נישט וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש
דער פרייער ווילן איז אַזוינס ?

*

זאָל דער מענטש אָפּהיטן ס׳געזונט און שטאַרבן
אַ געזונטער ? אָדער זאָל ער זיך רוינירן ס׳געזונט
און לעבן נישט מער ווי ביז אין טויט אַריין ?

זאָל אַ מענטש טאָן וואָס דאָס האַרץ הייסט, און
זיין אויף צרות ? אָדער זאָל ער טאָן ווי דער קאָפּ
הייסט — און דערנאָך בענקען נאָך די צרות וואָס
ער האָט פאַרהיט ?

*

זיין גאַנצער „כאַראַקטער" רינט אַרויס דורך
זיינע רייד. יעדעס וואָרט זיינס איז נישט גאַנץ,
האָט אַ לעכל ערגעץ, און דאָס ביסל שכל, וואָס
איז דאָ אין דעם, רינט אַרויס.

*

...ערגער פון די שאָוויניסטן זענען די
שוה־בשוה'ניסטן.

אויף ש...ן האָט מען געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ מיט — תורה.

✶

ווערטער און פראַזן זענען די פעסער אין וועלכע דו ליידיקסט זיך אַריין. ביסטו פול און פאַרליבט, רעדסטו אַ סך אַ סך. נישט ווייל די ווערטער מיינען עפּעס נאָר ווייל דו מוזט האָבן אין וואָס זיך אַריינצוריידן.

פון
נעכטן
ביז
מאָרגן

היינט איז נעכטן, מאָרגן איז אויס,
שענקט מיר אַ חלום און וואַרפט מיך אַרויס.

אַלע ציִען זיך צו דער קונסט. ביי איר לעבעדיק וואַסער שטייען די פאַרשמאַכטע. וואַשן זיך ס'פּנים, טרינקען און דערפרישן זיך.
אַנדערע באָדן זיך די פיס אין דעם. קריכן אַריין אינעווייניק ביז צום האַלדז און פאַרבלאָטיקן עס.

*

דער קלוגער טרינקער ווייס, אַז דער דאָרשט אַליין איז אפשר פונקט אַזוי טייער ווי דער טייערסטער געטראַנק.

*

מצוות — פונקט ווי עבירות — זענען אָפט זייער שעדלעך פאַרן געזונט.

*

אַ מענטש איז נישט קיין בהמה — ער האָט נישט אַזוי פיל שכל.

לעבט לאַנגזאַם, מיינע פריינד!
לעבט נישט קיין איבערשעהען, מיינע פריינד! לעבט „נאָרמאַלע שעהען”, און אַז איר ווערט מיד, זעצט זיך אַוועק אַ ווײַלע און רוט זיך אָפּ.
עס ברענט נישט!
זייט נישט ווי יענער גוי, וואָס האָט זיך געאיילט צו ענדיקן פאַרבן דעם פלויט, איידער עס גייט אויס די פאַרב.

*

פאַרשווענדט אַ סך מי אויף אייער לעבן, ליבע פריינד, וועט עס אייך אַ סך די ווערט האָבן.
ווייל יעדע זאַך איז בלויז ווערט אַזוי פיל ווי זי קאָסט — אין אַרבעט אָדער אין טרערן.

פאַמעלעכן — ווי אַ קינד שניידט אַריין אין אַ גאַנצן לעקעך, וואָס די באָבע האָט אים גע־שענקט צו זיין געבורטסטאָג — אַזוי האָב איך פאַמעלעכן אַריינגעשניטן מיין אויג אין דער וועלט אַריין, עס לאַנגזאַם געזעטיקט, נישט פאַרגונען זיך צו זען מער ווי אַ ברעקל וועלט אויף אַ מאָל.

*

סיר אָליווער לאָדזש גלויבט אין אַ לעבן נאָכן טויט. איך אויך. מיר זענען אַ לעבן נאָכן טויט — פון אַזוי פיל דורות. מיר זענען די גייסטער פון יענער וועלט, מיט וועלכע אונדזערע עלטער־עלטער זיידעס שטייען אין פאַרבינדונג.

*

אַ קעניג איז אויך נישט מער ווי אַ מענטש און אַמאָל נאָך ווייניקער.

אַ טייל מענטשן (שלימזלניקעס) אַז זיי האָבן נישט קיין צייט — האָבן זיי נישט קיין צייט צו זיין גליקלעך. אַנדערע מענטשן (גראַטענע) אַז זיי האָבן נישט קיין צייט, נוצן זיי דאָס אויס אויף נישט צו האָבן קיין צייט צו זיין אומגליק־לעך.

*

גלאַט נישט צו האָבן קיין שכל, איז קיין חכמה נישט. אַ חכמה איז אַפּצוזיצן יאָרנלאַנג און זיך לערנען, ווי אַזוי נישט צו האָבן קיין שכל.

*

אַז נאַרישקייט באַצאָלט זיך, איז אַן אומזין צו זיין אַ חכם. אָדער מ׳קען אפשר זאָגן פאַרקערט: אַז נאַרישקייט באַצאָלט זיך איז די גרעסטע חכמה צו זיין אַ... בהמה.

מענטשן מיינען, אַז אמת איז אַ זאַך, וואָס יעדער קאָן דאָס זאָגן, אויב ער וויל נאָר.
אין תוך אַריין איז דער אמת אַזאַ קונסט, וואָס בלויז געציילטע מענטשן קענען אים זאָגן.

*

צוליב מיין שוואַכן כאַראַקטער, האָב איך אַלע־מאָל געוואָלט ווייזן ווי שטאַרק מיין נאַטור איז.

*

נישט דאָס וואָרט איז דער עיקר, נאָר ווי מ'ע רעדט עס. ווען איך זאָג דאָס זעלבע אויף די באַרגשפּיצן, וואָס איך זאָג אין טאָל, איז עס נישט דאָס זעלבע.

*

דאָס מענטשלעכע האַרץ איז אַ קינד, נישט זייער קלוג... אָבער אָפּנאַרן עס איז שווער.

קראַנקע, עלטער־שוואַכע געדאַנקען, פאַרלאָזט מיין האַרץ און לאָזט מיך פריי ווערן.
ווי רעטונגס־שיפלעך אין אַ שטורעם־געפערלעכן האַפן. האָב איך אייך צונויפגעזאַמלט, אייך מיט קייטן צום ברעג צוגעשמידט און פאַר נויט זיך באַוואָרנט.
איצט זענט איר מיר צו פיל געוואָרן, און אַזוי געדיכט איז דער האַפן מיט רעטונגס־שיפלעך באַדעקט, אַז אין נויט־צייט וועל איך זיי פון ברעג רירן נישט קענען.

✶

מ׳יט דער נאַכט איז אָנגעקומען אַ ווילד־פרעמד־קייט און אַ טיפע פינצטערניש, וואָס שטערן האָבן זי אומיסטנע באַלויכטן, כדי מען זאָל זי קענען זען און פחד־קריגן!

גייט איינער צוליבן אָנקומען, גייט דער אַנדערער צוליבן — גיין.
דער וואָס גייט צוליבן אָנקומען — דער דערגייט נישט. דער וואָס גייט צוליבן גיין, דער קומט אָן.
דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן פּאַרקערט אויך!
ביידע זייטן פון אָט־דעם חכמה־מעדאַל זענען פון גאָלד!

*

ווייזן מענטשלעכע ווונדן איז אַ גרויסע זאַך, ווען דאָס ווערט געטאָן מיט דער כוונה צו היילן.

*

וואָס איז טרויעריק? טרויעריק איז אַז אַ מענטש פאַרלירט דאָס וואָס ער האָט נאָך נישט געפונען.

...ס׳טייטש, ער איז באַשיידן !
נו גוט, וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן, ער זאָל
האָבן אַ רעכט צו זיין באַשיידן ?

*

סע גייט נישט אין דעם וואָס אַ מענטש האָט
אַ פֿאַרד, סע גייט אין דעם, וואָס ער מאַכט
אַ לעבן פון האָבן אַ פֿאַרד !

*

...ווי אַזוי, זאָגט ער, קאָן ער זיין אַן עם־הארץ,
אַז ער ווייסט אפילו נישט וואָס דאָס איז...

*

אַז דו ווילסט מען זאָל דיך נישט קריטיקירן,
טראַכט גאָרנישט, טו גאָרנישט, און זיי גאָרנישט.

איך לייען: 65 יאָר, אַז אַ גאָלדגרובן ברענט פון אַ פונק, וואָס עמעצער האָט אַהין אַריינגעוואָרפן (מיט אילוסטראַציעס...).
איך טראַכט: פאַרוואָס מאַכן נישט אַלע שטיינער די מיילער אויף און בלייבן נישט פאַרגאַפט איבערן ווונדער פון דעם מענטשנס לעבן, וואָס ברענט זינט מען האָט אַהין אַ פונק אַריינגעוואָרפן. — איבער אַ גאַנצע וועלט, וואָס ברענט. זינט מען האָט אין איר אַ פונק אַריינגעשליידערט.

✶

די וועלט איז אַן אויסטערליש בוך, וואָס מער מען לייענט עס, אַלץ ווייניקער פאַרשטייט מען עס. און מיר זיינען די נאַרישע אותיות וואָס ווילן זיך אַליין איבערלייענען.

איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז מיינע ביאָגראַפן זאָלן זיך אָפּשטעלן אויף מיינע קראַוואַטן און ליולקעס מער, ווי אויף... מיין מאַמעס זיידן טיכל, וואָס ליגט ביי מיר אין קופערט, צישן אַלע געהייליקטע זאַכן, איינגעוויקלט אין דינעם פּאַ־פּיראָס־פּאַפּיר, און באַדעקט מיט נאַפטאַלין־שטויב.

✶

אין לעבן שטייט שטענדיק די מי און ביטערקייט
אויף דער קרעדיט־זייט פון אונדזער רייסטער,
און די פרייד — אויף דער חוב־זייט...

✶

נישט יעדן איז באַשערט צו שטאַרבן אַליין...
אַ טייל מענטשן שטאַרבן דורך אַנדערע.

מיר (יידן) זענען שלעכט און גוט! שרעקעוודיק און העלדיש, גייציק און פרייגיביק, קרעמער און מארטירער, גליק־זוכער און אומגליק־דער־גרייכער. אָבער צאַפּלט אין אונדז דאָס לעבן — מיר זענען אַ גרויס געשריי אין דער וועלט, וואָס שטייט שטענדיק אין פייער.

*

גאָט קאָן זיך אָפּזאָגן פון דער וועלט, אָבער די וועלט קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם גאָט, וואָס זי האָט באַשאַפן, און וועלכע האָט אים (ווי אַ באַלוינונג אָדער שטראָף) געפורעמט אין איר פורעם.

*

דער גלויבן איז דער איידלסטער נערוו אין לעבן.

שבת איז געקומען מיט קליינע טריט, אויסגע־
פוצט אין מאַראַנצן־פאַרביקע צווייגלעך און שפּי־
לנדיקע טייכן־טשעלאָס און שמעקעדיקע ליידי־
קייטן, און הימלען אָן אַ שיעור און אַ דריי־פּיר
אומענדלעכקייטן.
שבת האָט געשוויגן.
אָבער איך האָב מיך דערמאָנט אָן עפּעס אַזוינס,
וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט און
כ'האָב קיינמאָל נישט פאַרגעסן און וואָס איך
וועל אויך ווייטער קיינמאָל נישט וויסן און
קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

✶

אויפן שפּיץ פון דעמבעבוים שטייט אַ פויגל.
ווערט דער בוים־שפּיץ העכער — מיט פויגל און
מיט געזאַנג.

קונסט, געשלעכט, רעליגיע — די גרויסע דריי־איינִיקייט, וואָס ציט די פעדעם פון אונדזער לעבן. סעקסואַליזם שלעפּט דאָס לעבן ביי די הערנער. קונסט טרייבט אונטער מיטן חנעוור־דיקן בייטשל. רעליגיע איז דער ציל, וואָס מאַכט דעם וועג דערטרעגלעך: דאָס פּייערל אינעם פאַרבלאָנדזשעטן פינצטערן וועג. אַלע דריי כּו־חות זיינען איין גרויסער, בלינדער כּוח.

✶

די אַרבעט איז דער סאַלאַמאַנדער, וואָס עסט אויף אונדזער צייט, כּדי מיר זאָלן נישט באַמער־קן, אַז די צייט עסט אונדז אויף.

די בערג און בערגלעך, טאָלן און טאָלנדלעך
ווייזן זייערע פאַרבן און זייערע ריחות. עס איז
אַ געוועט צווישן ריח און פאַרב. ביידע געווינען.
און אַז דער הימל אַרבעט אַזוי, און די טאָלן
מיט די בערג אויך — איז דער מענטש שטיל:
וואָס זאָל ע ר שוין זאָגן?

*

אין קאָפּ איז שטיל, ווי אין אַ ניִעסט ווען די
פייגל טאַטע־מאַמע פליען אַוועק, און דאָס
קליינוואַרג בלייבט אַליין מיט אָפענע פּיסקלעך
צום הימל.

*

די סטעליע איז געווען נאָענט איבערן קאָפּ, ווי
אַ וואָרענונג, אַז מ׳זאָל נישט וואַקסן הויך, נישט
טראַכטן הויך, נישט שטרעבן הויך.

אויפן קלויסטער־פענצטער שטייט אַ ברודער מיינער מיט אַ בלאָנדער באָרד און וויל אַרויס און קען נישט. און איך הער כּמעט ווי ער קלאַפּט מיט די פויסטן אינעם פאַרביקן קלויס־טער־פענצטער און שרייט: לאָזט מיך אַרויס איך וויל נישט שטיין צווי־שן גויים.

✶

ביי מיין חבר שטייט אַ הויכער, געגלאַנצטער זייגער־קאַסטן. די וואָגן פון זייגער זענען דריי, דאָס ציפערבלאַט איז מעש, די ווייזערס זיל־בערן און די שעהען שוואַרצגעקאַרבט.
אַלע פערטל שעה זיפט דער זייגער אַרויס — ס'ביסל צעמאָלענע צייט, זינגט זיך אָפּ אַ שטיל קדישל און — גייט ווייטער.

ק ר ו י נ ש ט א ט
פ ו ן
מ י י ן
ל ע ב ן

נאַראַיעוו ! — — —

גרויע טויב מיינע, וואָס הענגט אין
בלויער לופט,
אין מיין טויטן נאָזלאָך וועט בליען
נאָך דיין דופט !

מײַן שטעטל איז מיר, װי אַ געטרײַ הינטל,
נאָכגעלאָפֿן ביז אַהער־אָ.
נאָך אַ מאָל: װי מײַן װײַס הינטל, װאָס איז
תּמיד פֿאַרשמירט און פֿאַרבלאָטיקט, נאָר די
בורשטינענע אױגן האַװקען דערפֿון אַרױס מיט
געטרײַשאַפֿט, אַזױ איז אױך מײַן שטעטל דאָס
װיסטע, אין גאַליציע דעם װיסטן, אין מײַן
יוגנט דער װיסטער.
װײַנען? װער װעט װײַנען, װער? אפֿילו מיט
טרוקענע אױגן נישט! מיר זענען שױן אַלע
גרױסשטעטיש. שניפּסן האָבן מיר זײַדענע. אַ
שפּראַך האָבן מיר װי אַ סטענגע, און געגלאַנצט
און פֿאַטעטיש איז זי װי אַ שטיװל, װאָס שטײט
לעבן דער טיר אָן אַ פֿוס.

אין שטעטל וואַקסט מען אַריין, שלעפּט מען עס מיט זיך וווּהין מ׳גייט, ווי אַ בלאָ געדענקמירל אין וועלכן לאַנד אַריין מען ווערט פאַרוואָגלט. אַ גרויסע שטאָט איז דאָך אָדער אַ סך קליינע שטעטלעך, אָדער בלויז אַ וואָרט.

*

די פעלדער זענען פעט. שוואַרץ. די מאַמעשי ערד האָט אַ פאַרשמירט פּנים, אָבער זי איז אַ זאַ גוטע.

*

מיטן טאַטנס אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע האָט זיך די אָרעמקייט צעוואַקסן אין אונדזער שטוב ווי שווימל אין דער פינצטערניש.

די טעג זיינען געגאַנגען. שטיקלעך אייביקייט זיינען געדונען פון דעם געעפנטן צייט־שפונט און האָבן מיטגענומען מיין לעבן — איך בין ווינ־ציקער און גרעסער געוואָרן. די אויגן האָבן נאָך מערער געבענקט נאָך וווּנדער, וואָס פלאַצן אין דער לופט ווי שאָלעכץ פון גאָלדענע אייער. אומ־ענדלעך שיין און ווייט — איז געלעגן דאָס לעבן — ווי אַן אַהינצוצויִק פעלד מיט געל־ווערנדיקן ווייץ, וואָס דער ווינט רעדט צו אים דורך זו־מערדיקע שטילקייט, און די ערד קושט יעדע זאַנג ביים וואָרצל, און די פייגל מאַכן קרויזיקע פלי־צייכנס איבער דעם, און ערגעץ־ערגעץ קלינגט דאָס דאָרף, קלינגט אַ האַק, אַ סערפּ, אַ בראָנע, קלינגט דאָס געבענטשטע לעבן פון מענטשן בלינדע, וואָס זעען דורך די פּאַרמאַכטע אויגנדעקלעך בלויז אַ דינעם אָפּשיין און ווייסן, אַז ס'איז טאָג און אַז ס'שמעקט מיט הימל און מיט ערד און מיט זומער.

„...פאַר אַוועק, איציקל! ראַטעווע דיך פון נאַ־ראַיעווער ליידיקע טעג, וואָס שלינגען מענטשן און — פאַרדייען זיי נישט.“

(פעטער איציק)

*

די יינגלישקייט איז אין מיר צייטיק געוואָרן, ווי אַן עפּל, וואָס איז פאַרטיק צו פאַלן פון אַ בוים, וואָס שטייט לעבן פלויט — אויפן אָפּענעם וועג אַרויף צום צעטראָטן ווערן פון דעם זאַטן, אָדער צום אויפגעהויבן־ווערן פונעם הונגעריקן...

די גלוסטונג שלאָפט אין לייב, ווי פייער אין נאָך נישט־אָנגעצונדן האָלץ. עס ליגט אַ שטיל־קייט אין אַ שטילקייט.

*

מער פון אַלצדינג פלעגט מיך ציען צום שערנ־שלייפער, דעם פונקען־מאַכער, וואָס מאַכט פייער מיט געזאַנג און עפּעס ווערט דערפון שאַרפער.

*

פרילינג. נאָכן שנייצעגיין לאַכן וואַסערן פון אַלע זייטן, ווי נחת־טרערן פון איינעם וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען פון זייער אַ שווערער קרענק.

יונגע ווינטלעך קומען פון דער פּאַשע שווער און זאַט און פויל. זיי לייגן זיך אינאיינעם מיט די סאַמעטענע ביקלעך און לאַשעקעס אויף דעם נידריקן באַרג־צופוסנס, וואָס קלינגט שטיל אין זיך אַריין אַ טיפּע הנאה פון דער וועלט, פון די גאָלדענע מינוטלעך, וואָס היפּן אַרום אויף די רענדלדיקע בלעטער־פּלעקן.

*

דער פּעטער איציק זאָגט: „שלאָג נישט דעם חזיר, וואָס איז ער שולדיק, אַז ער איז אַ חזיר? גאָט האָט אים אַזוי באַשאַפן. ס'איז אויף אים געווען רחמנות, אַז מ'טאָר אים נישט עסן...״

איך האָב נאָר געוווּסט, אַז דאָס וואָס איך טו איצט, איז גוט און זיס — דערפאַר ביטער און שלעכט! ווי יעדער „יידיש קינד", האָב איך געהאַט ס'געפיל אַז אַלצדינג וואָס גיט דעם מענטשן פאַרגעניגן איז אַ שלעכטע זאַך, און אַז דאָס נישט־פאַרגינענדיקע אויג פון „גאָט" זעט דאָס, פאַרצייכנט און — שטראָפט.

*

דער פעטער רעדט טיפע און קלוגע רייד... דאָס האַרץ ווערט גרינגער, דער תכלית פאַלט אַראָפּ... די שרעק פאַר דער צייט, וואָס איך וועל ווערן „בר־מצווה" און נעמען אויף זיך דעם „יאָך פון יידישקייט", אַנטלויפט — ווי אַ מויז, וואָס האָט שטיל געגראַבלט ביינאַכט, אַנטלויפט אַז מע צינדט־אָן אַ ליכט!...

ביינאַכט לעשט די לבנה דעם טאָג מיט שעפּלען קאַלטע מילך. ווערט בלאָנד־מילכיק און קינ־דיש די וועלט, דאָס שטעטל!
אַ קליינער, רירעוודיקער אומעט דרייט זיך אַרום, ווי אַ שדכנדל, און רעדט שידוכים. ער איז בלאַס און שטיל און באַגלייבט.
— הער נאַר, דו, יינגל. אַזוי און אַזוי! ווילסט?
— איך וויל, פאַרוואָס נישט?
און מ׳קען זיך נישט דערמאָנען אַקוראַט, וואָס מען וויל. ווייל מ׳וועט עס ערשט מאָרגן פאַר־געסן...

דער באַרג צופוסנס! נאָך היינט פּרוּוו איך אָפּט, איידער איך ווער אַנטשלאָפן, אויספּלאָנטערן די וועגן וואָס פירן צו אים. איך גיי אומיסנע — אין געדאַנק — מיט די זייטיקע געסלעך, לעבן „דייטשן שוסטער״, דערנאָך לויף איך פאַרביי דעם בעזעם־מאַכערס שטיבל, וואָס איז אַזוי נידעריק, אַז דער שטרויענער דאַך ליגט כמעט ביי דר׳ערד. דערנאָך פּרוּוו איך אַן אַנדערן וועג, און נאָך אַן אַנדערן וועג, און נאָך אַן אַנדערן.
איך קען זיך נישט אָנזעטן מיט דער שיינקייט פון דעם באַרג, וואָס איז העכער פון אַ סך העכערע בערג!... ווייל ס׳איז מיין באַרג, אין מיין שטעטל, אין מיין יוגנט!
פונעם באַרג לויפן וואַסערן און זאָגן: „ווייסיך־וואָס, ווייסיך־וואָס!״ אָבער דאָס בית־עולם פון אויבן זאָגט: „דאָס ווײנען מיינע מתים פון אונטער דר׳ערד אפיר. היט זיך, זאָלסט נישט שטאַרבן״.
נו, גיי היט זיך!

פרייטיק. אין דרויסן קומט אָן דער פאַרנאַכט אין סאַמעטענע פאַנטעפעלעך. די וואָכעדיקייט איז ווי די שאָלעכץ פון די פיש — אַוועקגעשאָבן, אַרויסגעוואָרפן...
די פענצטער־שייבלעך כאַפּן־אויף דעם אָפּגלאַנץ פון געבענטשטע ליכט... צעקלינגען עס אויף דינע גאָלדענע קוואַדראַטן... עס איז זיס און ליכטיק און שטיל און געלייטערט... עס שמעקט זאַפּראַן און באַרג און זומער און שיר־השירים... און פיש מיט פעפער.
עס איז שבת!

איר מעגט מיר יאָ גלויבן צי נישט גלויבן, אָבער אַז איך זאָג אַרויס דאָס וואָרט „האָפּן" — בין איך נישט קיין היגער, קיין אַמעריקאַנער, מיט אַ שטענדער אין דער גרויסער שול פון באַ־ ווסטקייט, מיט געפּוצטע נעגל, פיינער קולטור, איידעלע „טיש און בעט־מאַנירן", נאָר איך בין דאָרטן... דאָרט!... טוט אַ קוק און... און זעט, ווי אלצדינג ברענט בלוי — ווי אַ פייער פון ספּירט. ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען אַ טיש, ביי וועלכן דער טאַטע מאַכט הבדלה... און דער טיש וואָלט געווען אָנגעגאָסן מיט הבדלה־בראָנ־ פן, און דער טאַטע „נעצט" זיך די אויגן מיט אָט־דעם פייער און נעמט־אָן דערפון פולע קע־ שענעס... און מיר, קינדער, שטייען אַרום און פרייען זיך — מיטן בלויען, שטילן פייער, מיטן גוטן טאַטן, מיט דער טייערער מאַמען, מיט דעם געהייליקטן אָנקומען פון דער אינדערוואָכן... מיט דעם שיינעם געזאַנג פונעם לעבן, וואָס איז ווי אַ פידל, און מ'קען דערויף שפּילן וואָס מ'וויל.

ממעמקים

כ׳האָב עפּעס אַזוינס פאַרוואָרפן
מיט די אייגענע הענט די צוויי.
כ׳הער עס נאָך איצטער פאַלן
ווו איך שטיי און גיי.

געבוירן אין אַ משפחה פון גאָט־זוכערס, האָב איך שוין קליינערהייט גענומען זוכן אַ גאָט, און, אָנשטאָט דעם, געפונען... ס׳לעבן!
און געדאַכט האָט זיך מיר דעמאָלט, אַז איך איינער אַליין האָב געפונען דעם מחיהדיקן סוד פון דער וועלטס הערלעכקייט און אַז נאָר איך אַליין ווייס דערפון און איך וועל עס קיינמאָל קיינעם נישט אויסזאָגן, ווייל עס וואָלט געווען אַ חילול־השם...
גאָט האָט ביי מיר דעמאָלט געהייסן: דאָס לעבן... כ׳האָב געטוליעט ס׳לעבן צו זיך און געבענקט דערנאָך. געהאַלטן עס אין די אָרעמס און גאָרנישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט דעם פון ליבשאַפט.

האָט מיר יאָרן גענומען ביז וואַנעט כ'האָב דעם גלויבן פון מיין האַרץ אַרויסגעריסן. אויף פרעמדער ערד צעזייט, אינעם ווינט פון אייזנשטויב, אין די ווענט פון די פאַררויכערטע זאַלן, ווו מען האָט לעקציעס געלייענט איבער דער פרייקייט פונעם לעבן, איבער דער ליידיקייט פון די הויכע הימלען. און וואָס מער איך האָב אויסגעליידיקט דעם הימל, אַלץ ליידיקער איז געוואָרן מיין אייגן לעבן; וואָס מער איך האָב פאַרשאָטן מיין וועג צו דער שול, אַלץ מער האָב איך פאַרשאָטן מיין וועג צו זיך אַליין.

איז די פרייהייט רויט און רייף געוואָרן אין מיין נשמה, און דער גלויבן איז אויף די וואַסערן פון דער צייט פאַרשוווּמען. און איך בין געבליבן אַזוי ליידיק ווי אַן אויסגעפּלינדערט טעמפּל, פון וועלכן מען האָט אַלע הייליקייטן אַרויסגענומען און אַלע טירן אָפן געלאָזט.

עפעס מוז דאַך זיין נאָכן טויט וואָס איז נישט לעבן. אַ סופיקע פינצטערקייט. אַן אָפּרו אין וועלכער אַלץ איז אויסגעלאָשן. אַנטשטורעמט. עס קאָן דאַך נישט זיין קיין לעבן נאָכן לעבן. פּונקט ווי עס איז נישטאָ קיין וויסטעניש אַקו־ראַט נאָך דעם ווי די וויסטעניש ענדיקט זיך. דאָס לעבן קען נישט באַ לוינט ווערן מיט לעבן אויב עס פאַרדינט אַ באַלוינונג, עס קען נישט באַשטראָפט ווערן מיט לעבן אויב עס פאַר־דינט אַ שטראָף.

איך האָב זיך פיל אָנגעטראַכט מיט איידל־בי־
טערלעכע טראַכטונגען און זיי פאַרזיגלט אין
מיר.
איך פאַרגין מיר נישט הנאה צו האָבן פון דער
טרייפער הנאה וואָס ציטערט אין מיר.
נאָר עפּעס אין מיר ווייסט, אַז ערגעץ אין מיר
ליגט אָנגעטראַכט איידל־ביטערלעכע טראַכטונ־
גען, פאַרשמעקן מיין לעבן און מאַכן עס ווי אַ
הויך פון אַ פרימאָרגן אויף אַ קראַנק רויזנ־
בלעטל.
און וועט מיך דאָס לעבן צעברעכן, וועט דער
איידעלער הויך אויפגיין און איר וועט פילן דעם
טעם פון מיין לעבן, וואָס איז געווען אַזוי גע־
שמאַק ווי קאַלינעס וואָס פלאַמען אין פראָסט.

מיט די ציין האַלט איך מיך צו ביי מיינע עט־
לעכע פעלזנהאַפטע רייד איך זאָל פון זיי נישט
אַראָפּפאַלן. מיט די ציין הענג איך אויף עטלעכע
אויסגעקליגלטע פראַזן וואָס שטייען צווישן מיר
און אַן אָפּגרונט. מיט די ציין. אָבער איך בין
שוין מיד דערפון און נערוועז און די רייד אויף
וועלכע איך הענג ווערן פון טאָג צו טאָג שוואַ־
כער און אָפּגענוצטער און ווער ווייסט ווי לאַנג
איך וועל מיך נאָך קאָנען האַלטן.

*

אַזוי פילפאַך־קאָמפּליצירט איז דער מענטש, אַז
אָפט וועט ער טאָן זאַכן, ווייל ער האָט מורא,
אַז עס איז נישט פאַר זיינע כוחות.
ביי טשעכאָוון, דאַכט זיך, איז דאָ אַ מעשה, ווי
איינער דאַרף זיך שלאָגן אויף אַ דועל מיט עמעצן
און ער האָט אַזוי שטאַרק מורא פאַרן טויט, אַז
ער באַגייט אַזש זעלבסטמאָרד...

ווי רויך לייטערט זיך דורך דער וואַסער־פּלאַש
פון דער נאַרגילע, פאַרלירט די ביטערקייט, ווערט
קילער און קלערער, — אַזוי איז אויך דער גע־
דאַנק, וואָס לייטערט זיך דורך צייט ; דאָס גע־
פיל, וואָס לייטערט זיך דורך דיסטאַנץ.

✶

די ווייטקייט לייטערט. ווייטקייט פון טעג, וואָס
ליגן פון הינטן אָדער פאָרויס. געבענטשטע
ווייטקייטן !

נאַראַיעוו — די קרוינשטאָט פון מיין לעבן. אָט גיי איך אַהיים צו דיר — איבער דער איינגעפאַלענער פוילן אַריבער, איבער אומגעוואָרפענע קברים. מיט אַ צעבראָכן קריגל אין האַנט גיי איך צום אַלטן ברונעם מיט דער שלעפּ־קייט, מיטן מאָכיקן ברונעם־קאַסטן פול מיט אָפּשפּיגל פון הונדערט־טויזנטער שבתדיקע בערד, שבתדיקע אויגן, שבתדיקן בטחון, אַהין פירט דער ווייסער וועג, וועלכן איך באַטיפּל מיטן בלוט פון מיינע וווּנדיקע פיס.
אַהין, אַהין, אַהין — אייביק אַהין.

אַן אויסגעשעפּטער פון די אַלע וואַנדערונגען, וואָס ליגן אין מיינע ביינער, אין מיין יעדן טראַ־פן בלוט, אַ פאַרשמאַכטער דורך די פּילע יאָרן פון טרוקענער לעבנס־חכמה, — פאַל איך איצט צום ברונעם צו, פון וועלכן מיין טאַטע האָט געטרונקען ווען ער איז אַ יינגל געווען.
און אַז מיין טרער פאַלט — פאַלט זי לענגלעך און צעגערדיק, פאַלט אַזוי פּאַוואָליע ווי זי וואָלט געוואַרט, אַז אַלע חלומות פון מיין לעבן זאָלן זיך צונויפזאַמלען און שטומערהייט, לבנה־דיקערהייט, שניידנדיקערהייט זי יום־טובדיק אַרונטערלאָזן, ווי אַ מת פון אַ שיף — אין ים אַריין.

קאָן זיין

קאָן זיין אַ פּנים
ס'איז טאַקע ניטאָ מער
ווי מענטש און טרער
און זון אויפן פּנים
און דאָס ביסל חלום
און דאָס קאַפּ שלום
און ווייטער ניט מער —
בלויז מענטש און טרער...